STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10806

DI KOYLNVARFER-KOMANDE

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכ. שאָלאָכאָוו

די קוילנווארפער-קאָמאנדע

(א פראגמענט פונ דעמ ראָמאנ
„דער שטילער דאָנ")

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1941

פאר דעם ראמאנ „דער שטילער דאָנ“ האָט מענ דעם שרײַבער דעם אָרדענטרעגער מיכאיִל אלעקסאנדראָוויטש שאָלאָכאָוונ, דעם דעפּוטאט פונעם אויבער־ראט פונ פססר, באלוינט מיט דער סטאלינישער פּרעמיע פונ ערשטער שטופע. שאָלאָכאָווס ווערק איז טיפ פאָלקסטימלעכ לויט זײַנ אינהאלט אונ לויט זײַנ פאָרמ. דער אווטאָר פונ „שטילנ דאָנ“ אונ „אופגעאקערטער רויערד“ איז געוואָרנ דער באליבטסטער שרײַבער פונ אונדזער היימלאנד.

איצט, אינ די טעג פונ דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע פונ אונדזער פאָלק, שטייענ אופ אינ זיקאָרנ געשטאלטנ פונ זײַנ רומפולער געשיכטע אונ געשטאלטנ פונ די מענטשנ, וואָס זײַנענ ארויסגעבראכט געוואָרנ אינ די ווערק פונ דער סאָוועטישער ליטעראטור.

אינ דעמ פראגמענט פונ מ. שאָלאָכאָווס „שטילנ דאָנ“, וואָס מיר דרוקנ דאָ, איז באוויזנ געוואָרנ אנ עפּיזאָד פונ קאמפ פונעמ פאָלק פאר זײַנ פרײַהײַט, פאר דער רעוואָלוציע, פארנ פאָטערלאנד.

דער פראגמענט איז געווידמעט דעמ העלדישנ קוילנווארפלער, דעמ באָלשעוויק איליא בונטשוק, אונ זײַנ קאמפס־כאווערטע אנא פאָגודקאָ.

סאָפּ נאָיאבער 1918 י. האָט קאלעדינ צום ערשטנ מאָל געפּרוּװט א װאָרפ טאָנ אפנ רעװאָליוציאָנערנ ראָסטאָװ די פראָנט־טײלנ. די קאזאקנ זײַנענ אָבער דערגאנגענ בלויז ביז אקסײַסקאיא. אינ אָנגריפ האָבנ זײ זיכ אָפּגעזאָגט צו גײנ אונ האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק. האָט ער זיכ גענומענ צום שאפנ „געשטוקעװעטע" אָטריאדנ. די ברײט פאנאנדערגע־װיקלטע אָרגאניזירונג פונ אזוינע אָטריאדנ האָט געגעבנ אי־רע רעזולטאטנ: דעם 27 נאָיאבער איז שױנ קאלעדינ אימ־שטאנד געװענ צו אָפּערירנ מיט פעסטע אָטריאדנ פּרײַװיליקע, אָנקומענדיק אויכ צו דער הילפ פונ אלעקסײעװנ, װעלכער האָט שױנ צו יענער צײַט געהאט עטלעכע באטאליאָנענ.

דעם 2 דעקאבער האָבנ די פּרײַװיליקע טײלנ אינ שלאכט באַרנומענ ראָסטאָװ. װענ עס איז געקומענ צו פאָרנ קאָרני־לאָװ, איז אהינ אריבערגעטראָגנ געװאָרנ דער צענטער פונ דער אָרגאניזירונג פונ דער פּרײַװיליקער ארמײ. קאלעדינ איז געבליבנ אלײנ. די קאזאקישע טײלנ האָט ער צעװאָרפנ איבער די גרענעצנ פונ דער געגנט, א װאָרפ געטאָנ זײ צו צאריצינ אונ צום ראנד פונ סאראטאָװער גובערניע. פאר אקטועלע

אופגאבנ אָבער, פאר אופגאבנ, וואָס מע האָט זיי געמוזט
טייקעפ לייזנ, פלעגט ער זיכ באנוצנ בלויז מיט אָפיצעריש=
פארטיזאנישע אָטריאדנ; נאָר אפ זיי האָט זיכ געקאָנט אָנ=
שפארנ די שלאבעריקע מיליטער=מאכט, וואָס איז פונ טאָג
צו טאָג געוואָרנ אלצ שוואכער.

אפ אײַנצושטילנ די דאָנעצער שאכטיאָרנ האָט מענ א
וואָרפ געטאָנ די פריש=פארווערבירטע אָטריאדנ. אינ מאקיי=
עווקער ראיאָנ האָט אָרודעוועט דער יעסאול טשערנעצאָוו.
דאָרטנ האָבנ זיכ אויכ געפונענ די טיילנ פונעם רעגולערנ
58=טנ קאזאקישנ פאָלק. אינ נאָוואָטשערקאסק האָט מענ אינ אײַ=
לעניש פאָרמירט סעמילעטאָווס, גרעקאָווס אָטריאדנ, פארשיי=
דענע דרוזשינעס; אינ צאָפנ, אינ כאָפיאָרער קרײַז, האָט זיכ
גענומענ אָרגאניזירנ פונ אָפיצערנ אונ פארטיזאנער דער
אזויגערופענער „אָטריאד פונ סטענקא ראזינ”. פונ דרײַ זײַטנ
האָבנ זיכ שוינ אָבער דערנעענטערט צו דער געגנט קאָלאָנעס
רויטגווארדייער. אינ כארקאָוו, אינ וואָראָנעזש האָט מענ גע=
זאמלט קרעפטנ צו דערלאנגענ א קלאפ. כמארעס זײַנענ גע=
האנגענ איבערנ דאָנ, זיי זײַנענ געוואָרנ אלצ געדיכטער אונ
שווארצער. די ווינטנ האָבנ שוינ געבראכט פונ אוקראינע
דעמ הארמאטנ=דונער פונ די ערשטע שלאכטנ. מוטנע טעג
האָבנ זיכ גערוקט, א שלעכט שטיקל צײַט איז געקומענ.

געלבלעכ=ווײַסע, בײַכיקע וואָלקנס זײַנענ רויק געשווומענ
איבער נאָוואָטשערקאסק. הויכ, סאמע איבערנ בלענדיק=גלאנ=

ציקנ קופאָל פונעמ קאטעדראל, איז אינ בלויענ הימל=געוועלב געהאנגענ אומבאוועגלעכ א גרויע געקרײַזלטע כמארע, איר לאנגער עק האָט זיכ כוואליעדיק אראָפגעלאָזנ אונ ראָזלעכ געפינקלט ערגעצ איבער דער סטאניצע קריוואנסקאיא.

עס איז אופגעגאנגענ א מוטנע זונ, אָבער די פענצטער פונעמ אטאמאנס פאלאצ האָבנ, אָפשפיגלענדיק אירע שטראלנ, פײַערדיק געלויכטנ. עס האָבנ געגלאנצט די בלעכענע דעכער פונ די הײַזער, די פײַכטקײַט פונעמ נעכטיקנ רעגנ איז געלעגנ אפנ בראָנזענעמ יערמאק, וואָס האָט אויסגעשטרעקט צו צאָפנ די סיבירער קרוינ.

איבערנ קרעשטשענסקער וועג איז געגאנגענ בארג=ארופ א ווזוואָד קאזאקנ. די זונ האָט זיכ געשפיגלט אינ די באגנעטנ פונ זייערע ביקסנ. דער געמאָסטענער, לײַכטער גאנג פונ די קאזאקנ האָט קימאט ניט געבראָכנ די גרויסע שטילקײַט פונעמ פרימאָרגנ, וועלכע עס האָבנ צעשטערט די זעלטענע פוסגייער אונ דאָס דרידזשענ פונ א באלעגאָלישער דראָזשקע.

אינדערפרי איז מיטנ מאָסקווער צוג געקומענ צו פאָרנ קיינ נאָוואָטשערקאסק איליא בונטשוק. פונ וואגאָנ איז ער ארויס דער לעצטער, האָט אויסגעגלײַכט די פאָלעס פונעם אלטנ הארבסט=מאנטל; אינ דער ציווילער קליידונג האָט ער זיכ געפילט אומזיכער אונ ניט היימיש.

איבער דער פלאטפאָרמ האָט שפאצירט א זשאנדארמ אונ צוויי יונגינקע מיידלעכ, וואָס האָבנ געלאכט פונ עפעס.

בונטשוק איז ארויס אינ שטאָט; דעם ביליקנ, הויפש אָפגעריבענעם טשעמאָדאנ האָט ער געטראָגנ אונטערנ אָרעמ. די גאנצע צײַט, וואָס ער איז געגאנגענ איבער דער שטאָט, האָט ער קימאט ניט געטראָפנ קיינ מענטשנ. דורכגעשניטנ אינ דער קרימ די שטאָט, האָט זיכ בונטשוק אינ א האלבער שאָ ארומ אָפגעשטעלט בא א קליינ האלב כאָרעוו שטיבל. דאָס שטיבל האָט מענ שוינ פונ קאמע יאָרנ ניט רעמאָנטירט, האָט עס טאקע געהאט א נעבעכדיק אויסזענ. די צײַט האָט ארופגעלייגט אפנ שטיבל זײַנ שווערע לאפע, אונ אונטער איר לאסט איז אײַנגעפאלנ דער דאכ, האָבנ זיכ אויסגעקרימט די ווענט, צעטערעכעטע זײַנענ געהאנגענ די לאָדנ, די פענצטער זײַנענ געווענ פאראליטיש אויסגעקרימט. בונטשוק האָט אנ עפנ געטאָנ דאָס טירל, האָט מיט הארצ=קלאפעניש באטראכט דאָס הויז אונ דעם קליינעמ הויפ, דערנאָכ האָט ער אײַליק אוועקגעשפאנט צומ גאנעק.

א העלפט פונעמ ענגנ קאָרידאָרל האָט פארנומענ א קופערט, וואָס איז געווענ פארוואלגערט מיט פארשיידענע שמאָכמעס. אינדערפינצטער האָט זיכ בונטשוק א קלאפ געטאָנ מיט א קני אָנ א ווינקל פונ קופערט, — ניט פילנדיק דעם ווייטעק, האָט ער א ריס געטאָנ די טיר. אינעם פאָדערשטנ נידעריקנ כיידערל איז קיינער ניט געווענ. ער איז ארײַנ אינ צווייטנ, האָט אויכ קיינעמ ניט געטראָפנ אונ איז געבליבנ שטיינ אפנ שוועל. פונ דעם גוואלדיק באקאנטנ רייעכ, וואָס האָט געהערט נאָר צו אָט דער שטוב,

האָט זיכ בא אימ פארדרייט דער קאָפּ. מיט איינ בליק האָט ער ארומגענומענ אלצ: די איקאָנעס אינעמ פאָדערשטנ ווינקל פונ כיידער, דאָס בעט, דאָס טישל, אונ איבער אימ דאָס שפּיגעלע, וואָס איז באדעקט מיט פלעקנ פונ אלטקייט, די פאָטאָגראפיעס, עטלעכע אלטע ווינער שטולנ, די ניימאשינ, אונ אפ דער לעזשאנקע — דעמ סאמאָוואר, וואָס האָט שוינ פונ אָפטנ באנוצנ אימ פארלאָרנ דעמ גלאנצ. דאָס הארצ האָט מיטאמאָל אונ שארפ גענומענ קלאפּנ. כאפּנדיק די לופט מיט אנ אָפנ מויל, פּונקט ווי עמעצ וואָלט אימ שטיקנ, האָט בונטשוק זיכ אויסגעדרייט, א וואָרפ געטאָנ דעמ טשעמאָדאנ אונ האָט באקוקט די קיכ; מיט דער זעלבער גאסטפריינטלעכקייט האָט זיכ געגרינט דער גרויסער אויוונ, וואָס איז אויסגעקאלכט מיט פוקסינ; פונ הינטערנ בלויענ ציצענעמ פאָרהענגל האָט ארויסגעקוקט דער אלטער געפלעקטער קאָטער; ער האָט אָנגעשטעלט די אויגנ מיט א קלוגער, קימאט מענטשלעכער נייגעריקייט, — באזוכער זיינענ דאָ מאשמאָעס געווענ א זעלטנהייט. אפנ טיש איז אינ אומאָרדענונג געשטאנענ ניט קיינ געוואשנ געפעס, לעבנ טיש, אפ א בענקל, איז געלעגנ א קנייל געשפּינטע וואָל, פונ די פיר ווינקלענ פונ דעמ ניט דערשטריקטנ זאָק האָבנ ארויסגעגלאנצט די שפּיזלענ.

קיינ זאכ האָט זיכ דאָ ניט געענדערט פאר די אכט יאָר. פּונקט ווי בונטשוק וואָלט נעכטנ ערשט אוועק פונדאנענ. ער איז ארויסגעלאָפנ אפנ גאנעק. פונ דער טיר פונ שטאל,

וואָס איז געשטאַנענ אינ עק הויפ, איז ארויס אונ אַלטיטשקע, אײַנגעהויקערט, צונויפגעדרייט אינדרײַענ סײַ פונ די יאָרנ סײַ פונ די צאָרעס. „די מאַמע!.. ניט שוינ זשע?.. טאַקע זי?..“ מיט ציטערנדיקע ליפנ האָט זיכ בונטשוק א וואָרפ געטאָנ איר אַנטקעגנ. ער האָט אראָפגעריסנ פונ קאָפ דאָס היטל, צונויפגעדריקט עס אינ האַנט.

— וועמענ דאַרפט איר? — האָט אומרויִק געפרעגט די אַלטיטשקע. זי איז געשטאַנענ, ניט רירנדיק זיכ פונ אָרט, צוגעלייגט די האַנט צו די אָפגעבליאַקעוועטע ברעמענ.

— מאַמע!.. — האָט זיכ פאַרשטיקט ארויסגעכאַפט בײַ בונטשוקנ. — וואָס איז מיט דיר, — דערקענסט מיכ ניט?

ספאָטיקענדיק זיכ, איז ער געגאַנגענ צו איר, ער האָט געזענ, ווי די מוטער האָט זיכ א וואַקל געטאָנ פונ זײַנ געשריי, ווי פונ א קלאַפ, — זי האָט, אַפנעם, געוואָלט לויפנ, עס איז אָבער קיינ קויעכ ניט געווענ, איז זי אַוועק אַזוי, ווי זי וואָלט מוזנ בײַקומענ א שטאַרקנ ווינט. נאָכ א רגע וואָלט זי געפאַלנ, האָט זי בונטשוק אונטערגעכאַפט, געקושט דאָס קליינע צעקנייטשטע פּנים, די אויגנ, וואָס זײַנענ אַזש מוטנע געוואָרנ פונ שרעק אונ ווילדער פרייד, ער האָט אָפט אונ הילפלאָז געפינטלט מיט די אויגנ.

— איליושאַ!.. איליושענקאַ!.. זונעלע! ניט דערקענט.. ריבוינעשעלוילעמ, פונוואַנענ ביסטו געקומענ? — האָט געשעפטשעט די אַלטיטשקע, פרווונדיק אויסגלײַכנ זיכ אונ פעסט אוועקשטעלנ זיכ אפ די אָפגעשוואַכטע פיס.

זיי זײַנען אַרײַן אין שטוב. און ערשט דעמאָלט, נאָך דער גרויסער אויפרעגונג, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלעבט, האָט בונטשוק ווידער אָנגעהויבן פילן די לאַסט פון דעם פרעמדן מאַנטל, — דער מאַנטל האָט געשטערט, געקוועטשט אונטער די אָרעמס, געפּענטעט יעדע באַוועגונג. בונטשוק האָט מיט פאַרגעניגן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און האָט זיך צוגעזעצט צום טיש.

— קיין לעבעדיקן האָב איך דיך שוין גאָר ניט געריכט צו זען!.. וויפל יאָר זיך ניט געזען. האַרציקער מײַנער! ווי זאָל איך דיך דערקענען, אַז דו ביסט אַזוי אויסגעוואַקסן, אַלט געוואָרן!

— נו, ווי לעבט זיך עפּעס, מאַמע? — האָט מיט אַ שמייכל זיך דערפרעגט בונטשוק.

זי האָט געפּלאָנטערט, דערציילט און פאַרגעסנדיק האָט זי זיך אַרומגעפּאָרעט אין שטוב: געגרייט צום טיש, געשאָטן קוילן אין סאַמאָוואַר און, צעשמירנדיק איבערן פאַרווייניקטן פּנים טרערן און סאַזשע, איז זי ניט איין מאָל צוגעלאָפן צום זון, געגלעט זײַנע הענט, צוגעדריקט זיך צו זײַן אַקסל. זי האָט אָנגעוואַרעמט וואַסער, אַליין אויסגעוואַשן אים דעם קאָפּ, האָט אַרויסגעשלעפּט ערגעץ פון קופערט פון אַלטקייט געל געוואָרענע וועש, האָט אָנגעקאָרמעט דעם טײַערן גאַסט — און איז ביז האַלבע נאַכט געזעסן, ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פון זון, אים אויסגעפרעגט און צוגעשאָקלט דערבײַ מיטן קאָפּ.

אפנ שכײנישנ גלאָקנ=טורעמ האָט שוינ געשלאָגנ צװײ אזײגער, װענ בונטשוק האָט זיכ געלײגט שלאָפנ. ער איז גלײַכ אנשלאָפנ געװאָרנ אונ, אײַנשלאָפנדיק, האָט ער פארגעסנ, װו ער האלט אינ דער װעלט: עס האָט זיכ אימ געדאכט, אז ער איז װײַטער א שילער פונ דער האנטװערקערשול, דער קלײנער װײַסכעװורעניק אילױשא. אָנגעלאָפנ זיכ צו זאט, לײגט ער זיכ שלאָפנ. באלד װעט די מוטער עפענענ די קיכ=טיר אונ װעט שטרענג א פרעג טאָנ: „אילױשא, די לעקציעס צו מאָרגנ האָסטו געמאכט?“ — אזױ איז ער טאקע אנשלאָפנ געװאָרנ מיט אנ אָנגעשטרענגט=פרײדיקנ שמײכל אפ די ליפנ.

ביזנ באגינענ איז די מוטער עטלעכע מאָל צוגעגאנגענ צו אימ, האָט פאריכט די קאָלדרע, די קישנ, האָט געקושט זײַנ גרױסנ שטערנ מיטנ אראָפהענגענדיקנ בלאָנדנ לאָק האָר אונ אינ שטילינקערהײט אװעק.

אינ א מאָג ארומ איז בונטשוק אװעקגעפאָרנ. אינדערפרי איז צו אימ געקומענ א כאװער אינ א זעלנערישנ שינעל אונ מיט א נײַנק באקי=היטל, עפעס האָט ער אימ שטיל געזאָגט, אונ בונטשוק האָט זיכ גלײַכ אָנגעהױבנ אײַלנ, האָט שנעל פארפאקט דעמ טשעמאָדאנ, האָט א װאָרפ געטאָנ פונ אױבנ א פאָרל װעש, װאָס די מוטער האָט אױסגעװאשנ, — אונ קרענקלעכ קרימענדיק זיכ, ארופגעצױגנ דעמ מאנטל. מיט דער מוטער האָט ער זיכ אָפגעזעגנט באפנדיק, אינ אײַלעניש, האָט צוגעזאָגט אינ א כױדעש ארומ װײַטער קומענ צופאָרנ.

— וווהינ פאָרסטו דאָס, איליושא?

— קיינ ראָסטאָוו, מאמע, קיינ ראָסטאָוו. אינגיכנ וועל איכ קומענ... דו... דו, מאמע, נעמ זיכ ניט צומ הארצנ! — האָט ער געמורמלט די אלטע.

זי האָט אייליק אראָפּגעכאפּט פונ זיכ א קליינ צייכעמל, אונ קושנדיק דעמ זונ, צייכעמענדיק אימ, האָט זי עס אימ אָנגעטאָנ אויפנ האלדז. אונ די פינגער זיינענ בא איר דערביי געשפּרונגענ, געשטאָכנ מיט קעלט.

— טראָג עס, איליושא. דאָס איז פונ הייליקנ ניקאָלייִ מירליקיִיסקי. באשיצ אונ באשירעמ, טאטע זיסער, באהיט אונ באוואכ... אנ איינציקער איז ער בא מיר... — האָט זי געשעפּטשעט, צודריקנדיק צומ צייכעמ די פלאמענדיקע אויגנ.

קאָנוווּלסיוו ארומנעמענדיק דעמ זונ, האָט זי ניט אויס־געהאלטנ, די ווינקלענ פונ די ליפּנ האָבנ א ציטער געטאָנ אונ האָבנ זיכ ווייטעקדיק אראָפּגעלאָזנ. אפּ בונטשוקס האָרי־קער האנט האָט, ווי א פּרילינג־רעגנ, א שפּריצ געטאָנ איינ וואָרעמער טראָפּנ, א צווייטער. בונטשוק האָט אראָפּגענומענ פונ האלדז דער מוטערס הענט, — מיט אָנגעכמורעטע ברע־מענ האָט ער זיכ ארויסגעריסנ אויפנ גאנעק.

אוילעמ איז אויפנ וואָקזאל אינ ראָסטאָוו — קאָפּ אויפּ קאָפּ. דער דיל איז ביז די קנעכלעכ פארשאָטנ מיט קערטלעכ פונ פּאפּיראָסנ, מיט שאָלעכצ פונ קערלעכ. אויפנ וואָקזאל־פּלאצ האנדלענ די סאָלדאטנ פונ גארניזאָנ מיט מיליטערישער בא־

קלײדונג, טאבעק, געגאנוועטע כפײצימ. א בונטער אוילעמ, וואָס איז געוויינטלעכ פאר דער מערהײט דאָרעמ־שטעט באמ יאמ, באוועגט זיכ פאמעלעכ, הודזשעט.

— אס־ס־מאָלאָווער, אס־ס־מאָלאָווער אינ אײנצל!—שרײט א באָכערל א פאפּיראָסנ־פארקויפער.

— איכ וועל ביליק פארקויפנ, הער בירגער... — האָט בונטשוקנ פארשווערעריש א שעפּטשע געטאָנ אינ סאמע אויער ארײנ עפּעס א פארדעכטיקער מיזרעכ־מענטש אונ צוגעוווּנקענ אפּ דער אָנגעפּוישטער פאָלע פונ זײנ שינעל.

— קערלעכ צוגעבראָטענע, געטריקנטע קערלעכ! — שרײענ אפּ פארשײדענע קוילעמ מײדלעכ אונ װײבער, וואָס האנדלענ באמ ארײנגאנג.

זיכ דורכשטופּנדיק צווישנ אוילעמ, הויכ שמועסנדיק אונ לאַבנדיק, זײנענ דורכגעגאנגענ א מאנ זעקס מאטראָסנ פונ שווארצ־יאמישנ פלאָט. זײ זײנענ אָנגעטאָנ אינ א יאָמטעוודיקער אוניפאָרמ: סטענגעס, גאָלד פונ קנעפּ, ברײטע קליאָש, באשפּריצטע מיט בלאָטע. מע טרעט זײ דערעכערעצדיק אָפּ דעמ וועג.

בונטשוק איז געגאנגענ פאמעלעכ, זיכ דורכשפּארנדיק דורכנ אוילעמ.

— א גאָלדענע?! נעכטיקע טעג! פונ א סאמאָוואר איז דײנ גאָלד... איכ זע דענ ניט, וואָס? — האָט מיט כויזעק געזאָגט א דארער סאָלדאט פונ דער פונקענ־קאָמאנדע[1].

[1] פונקענ־קאָמאנדע — אזוי האָט מענ גערופנ די ראַדיאָטעלעגראפיסטנ.

אימ האָט געענטפערט מיט א רוגזעדיק הודזשענ דער פארקויפער, פאָכענדיק מיט א צווייפלהאפט=מאסיווער גילדע=נער קייט.

— וואָס זעסטו?.. גאָלד! אימפעריאלנ=גאָלד. אויב ווילסט וויסנ, האָט מענ זי בא א פרידנ=ריכטער צוגעלאקכנט... גיי זשע צומ טײַוול, דו אָפּגעריסענע געווייליע! די פראָבע דערלאנג אימ... אונ אָט דאָס ווילסטו ניט?

— דער פלאָט וועט ניט גיינ... צוליב וואָס אָט די נאַרישע פלוידערײַענ! — האָט זיכ געהערט פונ דער זײַט.

— אונ פארוואָס ניט גיינ?

— אינ אָט די צײַטונגענ...

— פאצאנ, טראָג אהער!

— מיר האָבנ פארנ פינפטנ נומער געשטימט. אנדערש קאָנ מענ ניט, עס גייט ניט...

— מאמעליגע! געשמאקע מאמעליגע! געבנ?

— דער עשעלאָנער האָט צוגעזאָגט: מאָרגנ, הייסט עס, רירנ מיר זיכ.

בונטשוק האָט אָפּגעזוכט די געבײַדע פונ פארטיי=קאָמיטעט, אָפּ די טרעפּ זיכ אופגעהויבנ צומ צווייטנ שטאָק. אנ ארבעטער א רויטגווארדייער, א באוואָפנטער מיט א יאפּאָנישער ביקס מיט אנ ארופגעשרויפטנ מעסער=באגנעט, האָט אימ פארצוימט דעמ וועג.

— וועמענ דארפט איר, כאווער?

— דעמ כאווער אבראמסאָנ. ער איז דאָ?

— דאָס דריטע צימער לינקס.

ניט קיינ הויכער מענטש מיט א גרויסער נאָז, א שווארצער, ווי א זשוק, די פינגער פונ דער לינקער האנט פארוקט הינטערנ באָרט פונ סורדעט אונ מעטאָדיש פאָכנדיק מיט דער רעכטער, האָט ארײַנגערעדט אינ זײַנ מיטשמועסער — א באיאָרטנ באנ=ארבעטער.

— אזוי טאָר מענ ניט! אונ דאָס איז נישט קיינ אָרגאניזאציע. באַ אזעלכע מעטאָדנ פונ אגיטאציע וועט איר באקומענ פארקערטע רעזולטאטנ!

דער באנ=ארבעטער האָט עפעס געוואָלט זאָגנ, זיכ פארענטפערנ, אורטיילנדיק לויטנ אראָפגעפאלנ=שולדיקנ אויסדרוק פונ זײַנ פּאָנעמ, אָבער דער מענטש מיטנ זשוק=שווארצנ קאָפ האָט אימ ניט געלאָזט דאָס מויל עפענענ; זײַענדיק אפּאָנעמ, אויסערסט אופגערעגט, האָט ער געליארעמט, נישט וועלנדיק אויסהערנ דעמ מיטשמועסער אונ אויסמײַדנדיק זײַנ בליק:

— באזײַטיקט גלײַכ פונ דער ארבעט מישטשענקאָ! מיר קאָנענ ניט גלײַכגילטיק זיכ צוקוקנ צו דעמ, וואָס קומט פאָר באַ אײַכ. ווערכאָצקי וועט ענטפערנ פארנ רעוואָליוציאָנערנ געריכט! ער איז ארעסטירט? יאָ?.. איכ וועל באשטיינ, מע זאָל אימ שיסנ! — האָט ער הארב פארענדיקט אונ זיכ אויסגעדרייט צו בונטשוקנ מיט א צעהיצט פּאָנעמ; זיכ נאָכ ניט אײַנגאנצנ באהערשט, האָט ער שארפ געפרעגט: — וואָס דארפט איר?

— איר זײַט אבראמסאָנ?

— יאָ.

בונטשוק האָט אים דערלאנגט זײַנע דאָקומענטנ אונ א בריוו פונ איינעם פונ די פאראנטוואָרטלעכסטע פעטראָגראדער כאווײרים, זיכ געזעצט דערבײַ אפנ פענצטער.

אבראמסאָנ האָט אופמערקזאם איבערגעלייענט דעם בריוו, כמורנע שמייכלענדיק (ער האָט זיכ זשעניִרט פאר זײַנ שאַרפער ווענדונג), האָט ער א בעט געטאָנ:

— וואַרט צו א ווײַלע, באלד וועלנ מיר מיט אײַכ א שמועס טאָנ.

ער האָט פרײַגעלאָזט דעם פארשוויצטנ באַנ=ארבעטער, איז ארויסגעגאנגענ, אינ א מינוט ארום איז ער ארײַנגעקומענ מיט א וווקסיקנ געגאָלטנ מיליטערמאַנ, מיט א בלויענ שראם פונ א שניט לענגויס דעם אונטערשטנ קינ, מיט מאנירנ פונ א קאדראָווענ אָפיצער.

— דאָס איז א מיטגליד פונ אונדזער מיליטעריש=רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט. באקענט זיכ. איר, כאווער... אנטשולדיקט, איכ האָב פארגעסנ אײַער פאמיליע.

— בונטשוק.

— ...כאווער בונטשוק... איר זײַט, דאכט זיכ, לויט דער ספעציאליטעט א קוילנווארפלער?

— יאָ.

— דאָס דארפנ מיר טאקע! — האָט דער מיליטערמאַנ א שמייכל געטאָנ.

זײַנ שראַם איבער דער גאַנצער לענג, פֿונ װינקל אױער ביז איבער דער גאָמבע, איז ראָז געװאָרנ פֿונ שמײכלענ.

— איר װעט אונדז קאָנענ אָרגאַניזירנ אינ א װי װײַט מעגלעכ קורצנ טערמינ א קױלנװאַרפֿער־קאָמאַנדע פֿונ אַרבעטער רױטגװאַרדײער? — האָט אבראַמסאָנ געפֿרעגט.

— איכ װעל זיכ באַמיִענ. עס גײט נאָר אינ צײַט.

— נו, װיפֿל זשע צײַט דאַרפֿט איר? א װאָכ, צװײ, דרײַ? — האָט דער מיליטערמאַנ געפֿרעגט, זיכ אָנבײגנדיק צו בונטשוקנ, אונ פֿאָשעט, אױסװאַרטנדיק געשמײכלט.

— עטלעכע טעג.

— אױסגעצײכנט.

אבראַמסאָנ האָט געריבנ דעמ שטערנ, ער האָט געזאָגט מיט א קענטיקנ טאָנ פֿונ אױפֿגערײצטקײַט:

— די גאַרניזאָנ־טײלנ זײַנענ שרעקלעכ דעמאָראַליזירט, זײ האָבנ ניט קײנ רעאַלנ װערט. בא אונדז, כאַװער בונטשוק, איז, װי אומעטום, מײנ איכ, די האָפֿענונג אַפֿ די אַרבעטער. די מאַטראָסנ — יאָ, אָבער די סאָלדאַטנ... דעריבער, פֿאַרשטײט איר, װאָלט זיכ געװאָלט האָבנ אײגענע קױלנװאַרפֿלער. — ער האָט א צופּ געטאָנ די בלױע קרױזנ פֿונ זײַנ באָרד, פֿאַרדײַגעט א פֿרעג געטאָנ: — װי האַלט עס בא אײַכ מיט מאַטעריעלער באַזאָרגונג? נו, מיר װעלנ דאָס אײַנאָרדענענ. איר האָט געגעסנ מיטיק? נו, פֿאַרשטײט זיכ, אַז ניט!

„װיפֿל זשע, ברודערקע, איז דיר אױסגעקומענ צו הונגערנ, װאָס דו אונטערשײדסט פֿונ אײנ בליק א זאַטנ פֿונ א

הונגעריקנ, אונ וויפל צאָרעס אָדער גרוילנ האָסטו איבערגע=לעבט, איידער עס האָט זיכ באַוויזנ בײַ דיר אָט די גרויע פּאַסמע האָר?“—האָט בונטשוק א קלער געטאָנ מיט געריר=טער צערטלעכקײַט, קוקנדיק אפּ אבראַמסאָנס זשוק=שוואַרצנ קאָפּ, וואָס האָט זיכ רעכטס געווײַסט מיט א בלענדיק=העלנ פּלעק פונ גרויקײַט. אונ שוינ שפּרײַזנדיק מיטנ באַגלייטער צו אבראַמסאָנס וווינונג, האָט בונטשוק נאָכ אלצ געטראַכט וועגנ אימ: „אָט דאָס איז א יאַט, אָט דאָס איז א באָלשע=וויק! עס איז דאָ א בייזע האַרטנעקיקײַט, אונ עס איז גע=בליבנ איינצײַטיק דאָס גוטע, דאָס מענטשלעכע. ער וועט זיכ קיינ וואַקל ניט טאָנ אונטערצושרײַבנ א טויט=אורטייל עפּעס א סאַבאָטאַזשניק ווערכאָצקי אונ קאָנ אינ דער זעלבער צײַט שוינענ א באַוער אונ זאָרגנ פאַר אימ“.

אינגאַנצנ אונטערנ וואָרעמענ אײַנדרוק פונ דער באַגעגע=ניש מיט אבראַמסאָנענ, איז ער צוגעקומענ צו זײַנ דירע ער=געצ אינ עק פונ טאַגאַנראָגער, זיכ אָפּגערוט אינ קליינעמ צימערל, וואָס איז פאַרוואָרפנ געווענ מיט ביכער, אָפּגעגעסנ מיטיק, איבערגעגעבנ אבראַמסאָנס צעטעלע דער באַלעבאָסטע פונ דער וווינונג, — זיכ געלייגט אפּנ בעט. ער איז אײַנגע=שלאָפנ אונ ניט געדענקט וויאזוי.

אינ מעשעכ פונ פיר טעג, פונ אינדערפרי ביזנ אָוונט, האָט בונטשוק זיכ פאַרנומענ מיט די אַרבעטער, וואָס דער פאַרטיי=קאָמיטעט האָט זיי געשיקט אינ זײַנ רעשוס. זיי זײַ=

נענ געווענ זעכצנ מאנ. מענטשנ פונ די פארשיידנסטע פראָפעסיעס, פונ פארשיידענעמ עלטער אונ אפילע נאציאָנאליטעט. צוויי טרעגער, א פאָלטאווער אוקראינער כווילִטשקאָ אונ א רוסיפיצירטער גריכ מיכאלידזע, א זעצער סטעפאנאָוו, אכט מעטאליסטנ, א שאכטיאָר פונ די פאראָמאָנאָווער גרובנס זעלענקאָוו, א קרענקלעכער בעקער אנ ארמענער געוואָרקיאנצ, א קוואליפיצירטער שלאָסער פונ די רוסישע דײטשנ יאָהאנ רעבינדער, צוויי ארבעטער פונ דעפאָ, אונ די זיבעצנטע קאָמאנדירונג האָט געבראכט א פרוי אינ א וואטאָווע זעלנעריש לײבל אונ צו גרויסע שטיוול.

איבערגעמענדיק פונ איר דעמ פארמאכטנ פאקעט, זיכ נישט מעשאער זײענדיק וועגנ ציל פונ איר קומענ, האָט בונטשוק געפרעגט:

— איר קאָנט צוריקוועגס ארײנגײנ אינ שטאב?

זי האָט א שמײכל געטאָנ, — זיכ גלײב מאכנדיק מיט א גיט זיכערער באוועגונג דאָס פאסמעלע האָר, וואָס האָט זיכ ארויסגערוקט פונ אונטער איר טיכל, אונ נישט דרייסט געזאָגט:

— איכ בינ געשיקט געוואָרנ צו אײכ... — אונ גויווער זײענדיק די מאָמענטאלע צעמישטקײט, האָט זי זיכ פארהאקט, — פאר א קוילנוואָרפלער.

בונטשוק איז שטארק רויט געוואָרנ.

— וואָס זײנענ זיי האָרטנ פונ זיינע אויפאָפ? א פרויענבאטאליאָנ איז בא מיר, צי וואָס?.. איר אנטשולדיקט מיר,

אָבער פאר אײַכ איז דאָס ניט קײנ פאסיקער איניענ: די ארבעט איז א שווערע, דאָ איז נײטיק מענערישע קראפט... וואָס איז דאָס גאָר אזוינס?.. נײנ, איכ קאָנ אײַכ נישט אָנגע=מענ!

ער האָט, אנ אָנגעכמורעטער, געעפנט דעמ פאקעט, שנעל דורכגעלייענט די קאָמאנדירונג, ווי ס'איז גאנצ טרוקנ געזאָגט געווענ, אז דער פארטײ=מיטגליד, די כאווערטע אנא פאָגוד=קאָ, ווערט געשיקט אינ זײַנ רעשוס, אונ האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אבראמסאָנס בריוו, וואָס איז בײַגעלייגט גע=ווענ צו דער קאָמאנדירונג.

„טײַערער כאווער בוגטשוק!

מיר שיקנ אײַכ א גוטע כאווערטע אנא פאָגודקאָ. מיר זײַנענ אנטקעגנגעקומענ איר הייסנ ווונטש, אונ, שיקנדיק זי צו אײַכ, האָפנ מיר, אז איר וועט מאכנ פונ איר א גוטנ קעמפערישנ קוילנ=וואָרפלער. איכ קענ דאָס דאָזיקע מיידל. רעקאָמענדירנדיק זי אײַכ הייס, בעט איכ אײַכ וועגנ אײנ זאכ: זי איז א ווערטפולע טוערנ, אָבער א היציקע, א ביסל עקזאלטירט (אינ איר האָט נאָכ ניט איבערגעברויזט די יוגנט), האלט זי אָפּ פונ אומבארעכנטע שריט, היט זי.

דער צעמענטירנדיקער באשטאנד, דער קערנ זײַנענ בא אײַכ, אָנ סאָפּעק, אָט די אכט מאנ מעטאליסטנ; צווישנ זײ ווענד איכ אײַער אופמערקזאמקײַט אפנ כאווער באָגאָוואָי. ער איז א כאווער זייער א טיכטיקער אונ אנ איבערגעגעבענער דער רעוואָליוציע. אײַער קוילנוואָרפלער=אָטריאד איז לויטנ באשטאנד—אינטערנאציאָנאל,— דאָס איז גוט: ער וועט זײַנ קאמפסויִקער.

פאַרגיכערט דאָס לערנען. עס זײַנען דאָ יעדיעס, אַז קאַלעדיק קלײַבט זיך אין אַ מאַרש אויף אונדז.
מיט כאַװ. גרוס ס. אַבראַמסאָן".

בונטשוק האָט אַ קוק געטאָן אויפן מיידל, װאָס איז געשטאַנען פאַר אים (דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ קעלער פון אַ הויז אויף דער מאָסקװער גאַס, װוּ עס זײַנען דורכגעפירט געװאָרן די איבונגען). קנאַפּע שײַן האָט טושירט, אומקלאָר געמאַכט איר פּנים.

— נו, מיילע, — האָט ער אומפרײַנטלעך געזאָגט, — אויב דאָס איז אײַער אייגענער װוּנטש... און אַבראַמסאָן בעט אָט... בלײַבט.

דעם „מאַקסים" מיטן צעעפענטן פּיסק האָט מען געדיכט אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן, מע איז געהאַנגען איבער אים װי הענגלעך, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף די רוקנס פון די פאָדערשטע, מע האָט זיך צוגעקוקט מיט נײַגעריקע אויגן, װי ער איז אונטער בונטשוקס פלינקע הענט זיך געשיקט צעפאַלן אויף טיילן. בונטשוק האָט אים װידער צונויפגעשטעלט מיט זיכערע, אויסגערעכנט־פּאַמעלעכע באַװעגונגען, דערקלערט די קאָנסטרוקציע און צו װאָס דינען די באַזונדערע טיילן, געלערנט, װיאַזוי זיך צו באַגיין מיט אים, געװיזן די קלאַלים פון אָנשטעלן, פון צילן, דערקלערט די דעריװאַציע [1] פון דער

[1] דעריװאַציע — די אָפּבייגונג אויף רעכטס בעשאַס דעם פליען פון די קוילן פון שרויף־געװער.

טראיעקטאַריע, די גרענעצ, ווי ווײַט די קוילנ קאָנענ גרייכנ. ער האָט געלערנט, וויאזוי צו פארהאלטנ זיכ בעשאס א שלאכט, קעדיי נישט אויסגעשטעלט צו זײַנ אפ די קוילנ פונ סוינע; אליינ זיכ געלייגט אונטער דער שוצ-שילד, אפ וועלכער די שוצ-פארב איז שוינ געווענ געפלאצט און אָפגעקראָכנ, גערעדט וועגנ דער וויכטיקײַט פונ אויסגעקליבענעמ אָרט, וועגנ אויפנ פונ אויסשטעלנ די קאסטנס מיט די קוילנ-טאשמעס.

אלע האָבנ באנומענ לײַכט, כוצ דעמ בעקער געוואָרקיאנצ. בא אימ האָט זיכ אלצ ניט געקלעפט: וויפל מאָל בונטשוק האָט אימ נישט געוויזנ די קלאָלימ פונ צענעמענ דעמ קוילנוואָרפער, — האָט ער אלצ ניט געקאָנט פארגעדענקענ, געפלאָנטערט זיכ, פארלוירנ, געשעפטשעט אינ פארלעגנהײַט:

— פארוואָס באקומט זיכ עס ניט? אכ, וואָס טו איכ... אנטשולדיקט... מע דארפ אָט דאָס אהער. עס קומט ווידער ניט אויס!... — האָט ער פארצווייפלט געשריענ. — פארוואָס?

— אָט האָסטו דיר „פארוואָס“! — האָט אימ נאָכגעקרימט באָגאָוואָי מיטנ ברוינעמ פאָנעמ און בלויע פינטעלעכ פונ פולווער אפנ שטערנ און באקנ. — דערפאר באקומט זיכ ניט, ווײַל דו האָסט קיינ קאָפּ ניט. אָט וויאזוי מע דארפ! — האָט ער געוויזנ, ארײַנלייגנדיק מיט א זיכערער באוועגונג א טייל אינ איר געהעריק אָרט. — איכ האָב פונ דער קינדהײַט אָנ געהאָט אינטערעס צומ קריגס-וועזנ, —

ער האָט באַ אַנ אַלגעמײנ הילכיקנ געלעכטער געטײטלט מיט א פינגער אפ די בלויע פינטעלעכ אפ זײנ פּאָנעמ: — איכ האָב א האַרמאַט געמאַכט, האָט ער אופגעריסנ, — איז אויסגעקומענ צו לײדנ. דעריבער בינ איכ אָט איצט אַזוי בײַק.

ער האָט טאַקע לײכטער אונ פלינקער פונ אַלע זיכ אויס־געלערנט צו באַגײנ מיט א קוילנוואַרפער. הינטערשטעליק געבליבנ איז בלויז געוואָרקיאַנצ. אָפּטער פונ אַלצ האָט זיכ געהערט זײנ וויינענדיק, פאַרדראָסיק קאָל:

— ווידער ניט אַזוי! פאַרוואָס? — ווייס איכ ניט!

— וואָס פאַר אַנ אייזל, וואָ־אָ־אָס פאַר אַנ אייזל! אפ גאַנצ נאַכיטשעוואַנ אײנער אַזאַ! — האָט זיכ אופגערעגט דער בייזער גריכ מיכאַלידזע מיט די פײַכטע ליפּנ.

— א זעלטנ שווערער קאָפּ! — האָט דער אײַנגעהאַלטע־נער רעבינדער מאַסקימ געווענ.

— דאָס איז דיר ניט בייגל באַקנ! — האָט כווילישקאָ געפּאָרסקעט, אונ אַלע האָבנ געמיטלעכ צוגעלאַכט.

אײנ סטעפּאַנאָוו האָט, רויט ווערנדיק, צערייצט געשריענ:

— מע דאַרפ דעמ כאַוועֶר ווײַזנ, אונ ניט שטשירענ די ציינ!

אימ האָט אונטערגעהאַלטנ קרוטאָגאָראָוו, דער באַיאָרטער אַרבעטער פונ דעפּאָ, א גרויסער, מיט לאַנגע הענט, אַנ ענ־לעכער אפ א פּאָפּ א באַלכעט.

— איר לאַכט, אונ דערווײַל ווערט גאָרניט געטאָנ! כאַ־

װער בונטשוק, אָדער נעמ פעסט אינ דער האנט ארײַנ די קונסטקאמער דײַנע אָדער שיק זיי צו אַלדי רוכעס! די רע־װאָליוציע איז אינ געפאר, אונ זיי לאכנ גאָר! אויכ מיר — פארטיי־לײַט!.. עפעס מינע כײַעס... ערנװאָרט! — האָט ער געשריענ מיט א באס, פאָכענדיק מיט דער האמערדיקער פויסט.

מיט שארפער נײַגעריקײַט איז אינ אלעמ ארײַנגעדרונגענ אנא פאָגודקאָ. זי פלעגט אקשאָנעסדיק צושטײנ צו בונטשוקנ, אימ אָנכאפנ בא די ארבל פונעמ אומגעלומפערטנ הארבסט־מאנטל, ניט אָפטרעטנ פונ קוילנװארפער.

— אונ אויב דאָס װאסער אינ פעלצ װעט פארפרוירנ װערנ — װאָס טוט מענ דעמלט? אונ בא א שטארקנ װינט — װי גרויס איז די אָפנייגונג? אונ אָט דאָס װיאזוי, כאװער בונטשוק? — פלעגט זי אימ באשיטנ מיט פראגנ אונ װארטנדיק אופהייבנ אפ אימ אירע גרויסע, שװארצע אויגנ, װאָס האָבנ געלויכטנ מיט אומזיכערנ אונ װארעמענ גלאנצ.

אינ איר קעגנװארט האָט ער זיכ געפילט עפעס אינ א פארלעגנהײַט; װי אָפצאָלנדיק פאר דער דאָזיקער פארלעגנהײַט, האָט ער זיכ באצויגנ צו איר מיט איבערמעסיקער פאָדערונג, געװענ באזונדערס קאלט, אָבער עפעס אופרעגנדיקס, אומגעװײנלעכס האָט ער איבערגעלעבט, װענ זי פלעגט אינ די פרימאָרגנס, רעגולער, פינקטלעכ זיבנ אזייגער, ארײַנקומענ אינ קעלער, האָבנדיק פונ קעלט פארוקט די הענט אינ די ארבל פונ גרינעמ לײַבל, שאָרכענדיק מיט די פאָדעשװעס

פון די גרויסע זעלנערישע שטיוול. זי איז געווען עטוואָס ני=
דעריקער פון אים, א יאָדערדיקע, א פולע, ווי אלע געזונטע
מיידלעך, וואָס ארבעטן פיזיש, — עפשער א ביסל א געבוי=
גענע און, מעגלעך, אפילע ניט קיין שיינע, ווען ניט די גרוי=
סע קרעפטיקע אויגן, וואָס האָבן אפ א מערקווירדיקן אויפן
שענער געמאכט זי אינגאנצן.

אין מעשעך פון די פיר טעג האָט ער זי אפילע ניט גוט
באטראכט. אין קעלער איז געווען האלב פינצטער, אויך אומ=
באקוועם, און ס'איז קיין צייט ניט געווען זיך צוקוקן צו
איר פּאָנעם. אפן פינפטן טאָג אין אָוונט זיינען זיי ארויסגע=
גאנגען צוזאמען. זי איז געגאנגען פאָרויס; זיך אופגעהויבן
אפן לעצטן טרעפל, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיט
עפּעס א פראגע, און בונטשוק האָט אינערלעך א קרעכץ גע=
טאָן, דערזעענדיק זי אין אָוונטיקער שיין. זי האָט מיט א
געוווינטן זשעסט פארקעמט די האָר, געווארט אפ אן ענטפער
מיט א לייכט פארוואָרפענעם קאָפּ, געוואָרפן בליקן אין זיין
זייט. נאָר בונטשוק האָט פארהערט; ער איז פּאמעלעך ארופ=
געגאנגען אפ די טרעפּלעך, צונויפגעדריקט פון א זיס=ווייטיק=
לעכן געפיל. פון אָנשטרענגונג (עס איז איר נישט באקוועם
געווען צורעכט מאכן די האָר, נישט אויסטוענדיק דאָס טיכל)
האָבן זיך בא איר עטוואָס באוועגט די ראָזע נאָזלעכער, וואָס
זיינען געווען דורכגעלויכטן פון דער נידעריקער זון. די
מויל=ליניעס זיינען געווען מענלעך און איינציייטיק — קינדע=
ריש=צארט. אפ דער פארהויבענער אייבערשטער ליפּ האָט

זיכ געטונקלט אנ איידעלער פוכ, דײַטלעכער אונטערשטרײַכנדיק די מאטע ווײַסקײַט פונ דער הויט.

בונטשוק האָט אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ ווי אונטער א קלאפּ, — געזאָגט מיט פאטעטישער וויציקײַט:

— אנא פאָגודקאָ... קוילנוואָרפלער נומער צוויי, דו ביסט שיינ, ווי עמעצנס גליק!

— נארישקײַטנ! — האָט זי געזאָגט זיכער אונ א שמייכל געטאָנ. — נארישקײַטנ, כאָווער בונטשוק!.. איכ פרעג: ווענ וועלנ מיר גיינ אפנ שיס-פלאצ?

פונ שמייכלענ איז זי געוואָרנ עפּעס פאָשעטער, צוטרויטלעכער, ערדישער. בונטשוק איז שטיינ געבליבנ לעבנ איר; קוקנדיק שטאר אינ עק גאס ארײַנ, ווו די זונ איז שטעקנ געבליבנ, פארפלייצנדיק אלצ מיט פורפור-געוויסער, האָט ער שטיל געענטפערט:

— אפנ שיס-פלאצ? מאָרגנ. אינ וועלכער צײַט גייסטו? ווו וווינסטו?

זי האָט אָנגערופנ עפּעס אנ עלשטאָטיק געסל. זיי זײַנענ אוועק צוזאמענ. אפנ ראָג האָט זיי דעריאָגט באָגאָוואָי.

— בונטשוק, הער! ווו וועלנ מיר זיכ מאָרגנ צונויפקומענ?

אפנ וועג האָט בונטשוק דערקלערט, אז זיי וועלנ זיכ צונויפקומענ אינ שטילנ וועלדל, אהינ וועלנ קרוטאָגאָראָוו אונ כוויליטשקאָ ברענגענ אפ א דראָזשקע דעמ קוילנוואָרפער; צונויפקומענ וועט מענ זיכ אכט אינדערפרי. באָגאָוואָי איז

דורכגעגאנגענ מיט זיי צוויי קווארטאלנ אונ זיכ געזעגנט. בונטשוק אונ אנא פאָגודקאָ זײַנענ געגאנגענ עטלעכע מינוט שווײַגנדיק. זי האָט געפרעגט, א קוק טוענדיק ווי פונ דער זײַט:

— איר — זײַט א קאזאק?

— יאָ.

— א געוועזענער אָפיצער?

— נו, וואָס פאר אנ אָפיצער בינ איכ!

— פונוואנענ שטאמט איר?

— א נאָוואָטשערקאסקער.

— שוינ לאנג אינ ראָסטאָוו?

— עטלעכע טעג.

— אונ פריִער?

— בינ איכ געווענ אינ פעטראָגראד.

— פונ וועלכנ יאָר אָנ אינ דער פארטיי?

— פונ טויזנט נײַנ הונדערט דרײַצנטנ.

— אונ ווו איז אײַער פאמיליע?

— אינ נאָוואָטשערקאסק, — האָט ער שנעל א בורטשע געטאָנ אונ בעטנדיק אויסגעשטרעקט די האנט: — וואַרט א ווײַלע, לאָז מיכ אויכ פרעגנ: דו — ביסט א געבוירענע אינ ראָסטאָוו?

— ניינ, איכ בינ געבאָרנ געוואָרנ אינ יעקאטערינאָס-לאוושטשינע, נאָר די לעצטע צײַט געוווינט דאָ.

— אצינד וועל איכ פרעגנ... אנ אוקראִינערנ?

זי האָט א רעגע זיכ געקווענקלט, דערנאָכ אנטשלאָסנ געענטפערט:

— ניינ.

— א ייִדישע?

— יאָ. וואָס איז דענ? מע דערקענט מיכ באמ ריידנ?

— ניינ.

— אונ פארוואָס האָסטו זיכ אָנגעשטויסנ, אז איכ בינ א ייִדישע?

באמיִענדיק זיכ צו גיינ גלײַכ מיט איר, האָט ער פארקלענערט דעמ טראָט אונ געענטפערט:

— דער אויער, די פאָרמ פונ אויער אונ די אויגנ. וואָרעמ סטאמ אזוי — האָסטו אינ דיר ווייניק פונ דײַנ נאציע... — טראכטנדיק א ווײַלע, האָט ער צוגעגעבנ: — דאָס איז גוט, וואָס דו ביסט בא אונדז.

— פארוואָס? — האָט זי זיכ פאראינטערעסירט.

— זעסטו: ייִדנ האָבנ באקומענ א שעמ, אונ איכ ווייס, אז א סאכ ארבעטער טראכטנ אזוי — איכ אלײנ בינ דאָכ אַנ ארבעטער, — האָט ער פארבײַגייענדיק באמערקט, — אז ייִדנ פירנ בלויז אָנ, אלײנ גייענ זיי ניט אינ פײַער ארײַנ. דאָס איז א טאָעס, אונ דו ווארפסט אָפּ אפ אַ גלענצנדנ אויפנ די דאָזיקע טאָעסדיקע מיינונג. דו האָסט זיכ געלערנט?

— יאָ. איכ האָב פאראיאָרנ געענדיקט גימנאזיע. אונ וואָס פאר א בילדונג האָט איר? איכ פרעג דאָס דערפאר, וואָס אײַער ריידנ אנטפלעקט אײַער ניט-ארבעטערישע אָפּשטאמונג.

— איכ האָב א סאכ געלייענט.

זײ זײַנענ געגאנגענ פאמעלעכ. זי האָט בעקיוונ אימ גע-
פירט דורכ זײַטיקע געסלעכ אונ, דערציילנדיק בעקיצער וועגנ
זיכ, ווײַטער אויסגעפרעגט וועגנ קאָרנילאָווס ארויסטרעטונג,
וועגנ דער שטימונג פונ די פעטראָגראדער ארבעטער, וועגנ
דער אָקטיאבער-איבערקערעניש.

ערגעצ אפ דער ברעג-גאס האָבנ הייזעריק א קנאל געטאָנ
ביקסנ-שאָסנ, א קוילנווארפער האָט אָפגעהאקט דורכגעשניטנ
די שטילקײַט. אנא האָט ניט פארזאמט צו פרעגנ:

— פונ וואָסער סיסטעמ?

— א ליווּס.

— וויפל טאשמע שוינ פארניצט?

בונטשוק האָט ניט געענטפערט, קוויקנדיק זיכ מיטנ
אָראנזש-פארביקנ טאפ-האָרנ פונעמ פראָזשעקטאָר, וואָס איז
באשפרענקלט מיט שמאראגדענעמ געפריר; דער טאפ-האָרנ
האָט פונ דער פאראנקערטער טראל-שיפ אינ האפנ זיכ אויס-
געשטרעקט ווי א האנט צומ שפיצ פונ אָוונט-הימל, וואָס
האָט געגליט אינ דער שקיע.

אָפשפאצירנדיק א שאָ דרײַ איבער דער פוסטער שטאָט,
האָבנ זײ זיכ צעשיידט באמ טויער פונ דעמ הויז, ווו אנא
האָט געווינט.

בונטשוק האָט זיכ אומגעקערט אהיימ, דערוואַרעמט פונ
א באוווסטלאָזער אינערלעכער באפרידיקונג. „א גוטע כאווער-
טע, א קלוג מיידל! מיר האָבנ זיכ אזוי גוט דורכגעשמו-

עסמ — אונ אָט איז אצינד ווארעמ אפ דער נעשאָמע. איכ בינ אינ מעשעכ פונ דער צײַט פארגרעבט געוואָרנ, אונ פרײַנטלעכע באציונג מיט מענטשנ איז נייטיק, אנדערש ווערסטו פארהארטעוועט ווערנ, ווי א זעלנערישער סוכאר...״— האָט ער געטראכט, אָפּנארנדיק זיכ אלײנ אונ אלײנ אָנערקענענדיק, אז ער נארט זיכ.

אבראמסאָנ, וועלכער האָט נאָרוואָס געהאט זיכ אומגעקערט פונ א זיצונג פונ מיליטעריש-רעוואָליוציאָנערנ קאָמיטעט, האָט אָנגעהויבנ זיכ אויספרעגנ וועגנ דער צוגרייטונג פונ די קוילנווארפלער; צווישנ אנדערנ האָט ער געפרעגט אויכ וועגנ אנא פאָגודקאָ.

— ווי איז זי? אויב זי פאסט ניט, קאָנענ מיר זי שיקנ אפ אנ אנדערער ארבעט, פארבײַטנ.

— נײנ, וואָס פאלט דיר אײַנ! — האָט בונטשוק זיכ דערשראָקנ. — זייער א פייִק מיידל!

ער האָט געהאט קימאט אנ אומבאזיגבארנ פארלאנג צו ריידנ וועגנ איר אונ זיכ אָפּגעהאלטנ דערפונ בלויז אדאנק זײַנ שטארק אָנגעשטרענגטנ ווילנ.

דעמ 25 נאָיאבער אינ האלבנ טאָג זײַנענ קיינ ראָסטאָוו צונויפגעצויגנ געוואָרנ פונ נאָוואָטשערקאסק קאלעדינס כאיאָלעס. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אָנגריפ. לענגויס דער באנליניע, פונ בײדע זײַטנ אָנשיט, האָבנ זיכ גערוקט די שיטערע קייטנ פונ דעמ אלעקסייעווער אָפיצערנ-אָטריאד, אפנ רעכטנ

פֿלאַנג האָבנ געדיכטער זיכ באַוועגט גרויע פֿיגורנ פֿונ די יונקערס. די פּאַרטיזאַנער אונ פּאַפּאָווס אָטריאַד האָבנ באַקלעפּט דעמ רויטלײַמיקנ גראָבנ אפֿנ לינקנ פֿלאַנג. אײניקע, וואָס האָבנ פֿונדערווײַטנ אויסגעזענ ווי קלײנע גרויע קנײַלעכלעכ, זײַנענ געשפּרונגענ אינ גראָבנ אַרײַנ; אַרויסקומענדיק אפֿ דער צווײטער זײַט, האָבנ זײ זיכ צונויפֿגערוקט, אָפּגעשטעלט, ווידער געפּלאָסנ.

אינ דער רויטגוואַרדײַשער קייט, וואָס האָט זיכ צעשאָטנ אפֿ די ראַנדנ פֿונ נאַכיטשעוואַנ, האָט זיכ געפֿילט אַ צעטומלטקײַט, אַנ אומרויִקײַט. די אַרבעטער, וואָס אַ סאַכ פֿונ זײ האָבנ דאָס ערשטע מאָל גענומענ אַ ביקס אינ דער האַנט אַרײַנ, האָבנ זיכ געשראָקנ, איבערגעפֿויזעט, אויסשמירנדיק ײַיערע שוואַרצע פּאַלטעס אינ דער האַרבסט-בלאָטע; אַנדערע האָבנ אונטערגעהויבנ די קעפּ, באַטראַכט די ווײַטע, דורכנשטעכ פּאַרקלענערטע פֿיגורנ פֿונ די ווײַסע.

באַמ קוילנוואַרפֿער אינ דער קייט האָט בונטשוק, זיכ אופֿהייבנדיק אפֿ די קניִענ, געקוקט דורכנ בינאָקל. נעבטנ האָט ער פֿאַרביטנ זײַנ מאַנטל אפֿ אַ שינעל אונ זיכ געפֿילט אינ אימ היימיש, רויִק.

שיסנ האָט מענ אָנגעהויבנ אָנ אַ באַפֿעל. מע האָט ניט אויסגעהאַלטנ די געשפּאַנטע רויִקײַט. ווי נאָר עמ האָט אַ קנאַל געטאָנ דער ערשטער שאָס, האָט בונטשוק זיכ אויסגעזידלט, אַ געשריי געטאָנ, זיכ אופֿשטעלנדיק אינ זײַנ גאַנצער הייכ:

— אופֿ-הערנ!..

זײַנ געשריי איז פאַרטויבט געוואָרנ דורכ דער געקנאַלערײַ פונ די שאָסנ, אונ בונטשוק האָט א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט; באַמיִענדיק זיכ איבערצושרײַענ דאָס שיסערײַ, האָט ער א קאָמאַנדעווע געטאָנ צו באַגאָוואָיענ: „פײַער!“ יענער איז צוגעפאַלנ צומ שלאָס מיט א שמייכלענדיק, אָבער ערד־פאַרביק פאָנעמ, אַרופגעלייגט די פינגער אפ די הענטלעכ פונ קוילנוואַרפער. דאָס באַקאַנטע שטעפנ פונ קוילנוואַרפער האָט דורכגעדרונגענ בונטשוקס געהער. א רעגע האָט ער זיכ אײַנגעקוקט אינ דער ריכטונג פונ סוינעמ אויסגעלייגטער קייט, באַמיִענדיק זיכ פעסטצושטעלנ, צי דער ציל איז ריכטיק גענומענ, דערנאָכ איז ער אופגעשפרונגענ אונ גענומענ לויפנ לענגאויס דער קייט צו די איבעריקע קוילנוואַרפער.

— פײַער!

— מיר גיבנ!.. האָ־האָ־האָ! — האָט כווליטשקאָ געוויעט, אויסדרייענדיק צו אימ דאָס דערשראָקענע אונ גליקלעכע פאָנעמ.

באַמ דריטנ קוילנוואַרפער פונ צענטער־צו האָבנ געאַרבעט כעוורע ניט גאָר קיינ זיכערע. בונטשוק איז געלאָפנ צו זיי. אינ האַלבנ וועג האָט ער זיכ אָנגעבויגנ, א קוק געטאָנ אינ בינאָקל: אינ די פאַרשוויצטע קרײַזנ פונ די גלעזלעכ האָבנ זיכ געזענ באַוועגנדיקע גרויע קנײַלעכלעכ. פונ דאָרט האָט מענ א זעצ געטאָנ מיט א הילכיקנ געדיכטנ זאַלפ. בונטשוק איז אומגעפאַלנ, אונ שוינ ליגנדיק האָט ער באַשטימט, אַז דאָס צילנ פונ דריטנ קוילנוואַרפער איז ניט ריכטיק.

— נידעריקער! טײַוואָנים!.. — האָט ער געשריִענ, שלענגלענדיק זיכ, איבערפּױזענדיק לענגױס דער קײט.

די קוילנ האָבנ זיכ געטראָגנ איבער אים מיט א נאָענ־טער טויט־געפּײַפערײַ. רעגולער, ווי אַפּ די איבונגענ, האָבנ געשאָסנ די אַלעקסייעווצעס.

באַם קוילנוואַרפּער, מיט דער אומגעלומפּערט הויכ־פּאַרי־סענער נאָז, זײַנענ שיכטנווײַז געלעגנ די גומערנ: דער אַנצי־לעווער, דער גריכ מיכאַלידזע, האָט גענומענ א צו הויכנ ציל אונ געשאָסנ אָנ אופהער, פֿאַרשווענדנדיק דעם רעזערוו קוילנ־טאַשמעס. לעבנ אים האָט געקוואַקעט דער איבערגע־שראָקענער, גרינ־געוואָרענער סטעפּאַנאָוו; פֿונ הינטנ, אײַנגע־גראָבנ דעם קאָפּ אינ דער ערד, אײַנגעהויקערט, ווי א שילד־קרעט, עטוואָס אונטערגעהויבנ אַזש די אויסגעשטרעקטע פֿיס, איז געלעגנ דער באַנ־אַרבעטער, קרוטאָגאַראָווס פֿרײַנט.

בונטשוק האָט אָפּגעשטויסנ מיכאַלידזען, לאַנג זיכ גע־זשמורעט, אָנשטעלנדיק דעם ציל, אונ ווענ דער קוילנוואַר־פֿער האָט א זעץ געטאָנ אונ האָט, ציטערנדיק, רעגלמעסיק גענומענ קנאַלנ אונטער זײַנע הענט, — האָבנ זיכ גלײַכ באַ־וויזנ די רעזולטאַטנ: דאָס קופּקעלע יונקערס, וואָס האָט, אױ־בערלויפֿנדיק, זיכ פֿאַרקליבנ אַרופֿ, האָט גלײַכ צוריק זיכ אַראָפּגעקײַקלט פֿונ בערגל, איבערלאָזנדיק אײנעמ אַפּ דעם ליימיקלעכנ פֿליכ.

בונטשוק האָט זיכ אומגעקערט צו זײַנ קוילנוואַרפּער. דער בלײַכער באַגאַוואָי (די בלויע פּולווער־פֿלעקנ האָבנ זיכ

בוילעטער אָנגעזױגן אױף זײַנע באַקן) איז געלעגן אױף אַ זײַט, שפּײַענדיק מיט זידל־װערטער, באַנדאַזשירנדיק דעם פּוס, װאָס איז פאַרװוּנדעט געװאָרן אין װײַב־פּליוש.

— שיס, אין זייער מאַמען אַרײַן!.. — האָט געבורמעט דער פֿײַערדיק־געלער רױטגװאַרדײער, װאָס איז געלעגן דער־נעבן און זיך אױפגעשטעלט אױף אַלע פֿיר. — שיס! זעסט ניט, אַז זיי גרײַפֿן אָן?!

איבערלױפנדיק, װי אױף אַ פּאַראַד, זײַנען די קייטן פֿון דעם אָפיצערן־אָטריאַד געפלאָסן לענגאױס דעם אָנשיט.

באָגאָװאָיען האָט פאַרביטן רעבינדער. געשיקט, שפּאָ־רעװדיק, זיך נישט היצנדיק, האָט ער גענומען שיסן.

און פֿון לינקן פלאַנג האָט זיך מיט האָזן־שפרונגען גע־װאָרפן געװאָרקיאַנץ, ער איז געפאַלן בײַ יעדער קױל, װאָס איז פאַרבײַגעפלױגן איבער אים,—קרעכצנדיק, איז ער צוגע־שפרונגען צו בונטשוקן:

— עס קומט ניט אַרױס!.. עס שיסט ניט!

ניט שיצנדיק זיך קױמאַט, האָט זיך בונטשוק, לױפנדיק, געגליטשט לענגאױס דער געבראָכן־אױסגעלײגטער קייט.

נאָך פֿונװײַטנס האָט ער דערזען: אַנאַ שטייט אױף די קני לעבן קױלנװאַרפער, און אָפּװאַרפנדיק די אַראָפּגעפאַלענע פאַסמע האָר, קוקט זי פֿון אונטער דער האַנט אַרױס אױפן בױנעס קייט.

— לייג זיך!.. — האָט בונטשוק אַ געשריי געטאָן, זיך

אָנגיסנדיק מיט בלוט און שוואַרץ ווערנדיק פאַר שרעק צו־ליב איר. — לייג זיך, זאָגט מען דיר!

זי האָט א קוק געטאָן אין זײַן זײַט אַרײַן — און ווי־דער געבליבן אַזוי שטיין. פון בונטשוקס ליפּן האָט זיך גע־בעטן א זידל־וואָרט, א שווערס, ווי א שטיין. ער איז צוגע־לאָפן צו איר און מיט קויעך זי צוגעדריקט צו דער ערד.

הינטער דער שוץ־שילד האָט געסאָפּעט קרוטאָגאַראָוו.

— עס האָט זיך פאַרהאַקט! עס גייט ניט! — האָט ער צימערנדיק א שעפּטשע געטאָן צו בונטשוקן, און אָפּזוכנדיק מיט די אויגן געוואָרקיאַנצן, האָט ער זיך שיר דערוואָרגן מיט א געשריי: — ער איז אַנטלאָפן, דער פאַרשאָלטענער! דײַן פאַרמאַבלדיקער איכטיזאַוור איז אַנטלאָפן... ער האָט מיר דאָס האַרץ צעריסן מיט זײַנע קרעכצן!.. לאָזט ניט אַר־בעטן!..

געוואָרקיאַנצ האָט צוגעפּויזעט, זיך דרייענדיק ווי א שלאַנג. די בלאָטע אויף די האַרטע האָר פון זײַן ניט געגאָל־טער גאָמבע איז פאַרטריקנט געוואָרן. קרוטאָגאַראָוו האָט א רעגע געקוקט אויף אים, אויסדרייענדיק דעם שווייסיקן אָקסנ־האַלדז, א רעווע געטאָן, פאַרטויבנדיק דאָס דונערן פון דער שיסערײַ:

— די טאַשמעס ווו האָסטו אַהינגעטאָן?.. מאַלפּע־פּאָ־נעם!.. איכטיזאַוור!.. בונטשוק! בונטשוק! נעם אים צו — איך וועל אים דערהאַרגענען!..

בונטשוק האָט זיך געפּאָרעט באַם קוילנוואַרפער. א קויל

האָט מיט קראַפּט א קנאק געטאָנ אינ שוצ־שילד, — אונ ער האָט צוגעכאַפּט די הענט, ווי ער וואָלט זיכ אָפּגעבריט.

צורעכט געמאכט דעמ קוילנווארפער, האָט ער אלײנ גענומענ שיסנ. ער האָט געצווונגענ זיכ לייגנ די אלעקסייעוועצעס, וואָס זײַנענ אָנ שרעק איבערגעלאָפּנ, אונ איז אוועקגעקראָכנ, זוכנדיק מיט די אויגנ א שוצ.

דעמ סוינעס רייענ האָבנ זיכ נעענטער צוגערוקט. דורכנ בינאָקל האָט מענ געזענ, ווי די פּארטיזאנער גייענ — די ביקסנ אפ די רימענס, פונ צײַט צו צײַט לייגנ זיי זיכ אוועק אפ דער ערד, זייער שיסערײַ איז געוואָרנ שטארקער. אינ דער קייט פונ די רויטגווארדייער האָבנ די כאַווײרימ, צוקריכנדיק, בא דרײַ שוינ צוגענומענ די ביקסנ, — טויטע בא דארפנ ניט קיינ געווער... אינ די אויגנ פאר אנגענ אונ בונטשוקנ, וואָס איז געלעגנ בא קרוטאָגאָראָווס קוילנווארפער, האָט אינ דער רײַ א קויל דורכגעלעכערט א יונג באָכערל א רויטגווארדייער. ער האָט לאנג זיכ געוואָרפנ אונ געכאָרבלט, געקלאַפּט מיט די פיס אינ וויקלערס אָנ דער ערד, אונ צומ סאָפ, זיכ אָנגעשפּארנדיק אפ די צעשטעלטע הענט, זיכ אונטערגעהויבנ, אנ אָכצע געטאָנ, אוועקגעפאלנ מיטנ פּאָנעמ אונ ארויסגעלאָזט דעמ לעצטנ אָטעמ. בונטשוק האָט פונ דער זײַט געקוקט אפ אנגענ. פונעמ מיידלס גרויסע, אויסגעברײַטערטע אויגנ האָט ווי גערונענ א פליסנדיקער גרויל. זי האָט מיט שטארע אויגנ געקוקט אפ די פיס פונ דערהארגעטנ באָכערל אינ די זעלנערישע אָפּגעטראָגענע וויקלערס, ניט גע־

הערט, ווי קרוטאָגאָראָוו האָט איר געשריִענ אינ פּאָנעמ ארײַנ:

— א טאשמע!.. א טאשמע!.. גיב אהער!.. מײדל, גיב א טאשמע!

מיט א טיפֿנ דרוק אפֿ די פֿלאַנגענ האָבנ די קאַלעדינצעס אָפּגעשטויסנ די רויטגווארדײיִשע קײט. איבער די גאַסנ פֿונ דער נאַכיטשעוואַנער פֿאָרשטאָט האָבנ געווימלט די שווארצע פּאַלטעס אונ שינעלנ פֿונ די אָפּטרעטנדיקע רויטגווארדײער. דער לעצטער קוילנוואַרפֿער פֿונ רעכטנ פֿלאַנג איז ארײַנגעפֿאַלנ צו די ווײַסע. דעמ גריכ מיכאַלידזע האָט פֿונ דער נאָענט דערשאָסנ עפּעס אַנ אונטעראָפֿיצער א יונקער, דעמ צווייטנ נומער האָט מענ צעשטאָכנ מיט באַגנעטנ, ווי א פּודזשעלע; פֿונ די נומערנ האָט זיכ געראַטעוועט בלויז דער זעצער סטעפּאַנאָוו.

דער צוריקטריט איז פֿאַרהאַלטנ געוואָרנ, ווענ די ערשטע קוילנ זײַנענ אָנגעפֿלויגנ פֿונ די טראַל-שיפֿנ.

— אינ קייט!.. נאָכ מיר!.. — האָט א געשריי געטאָנ דער מיטגליד פֿונ רעווקאָמ, בונטשוקס א באַקאַנטער, אונ איז ארויסגעלאָפֿנ פֿאָרויס.

די קייט פֿונ די רויטגווארדײער האָט זיכ א הוידע געטאָנ אונ, אויסגעבויגנ זיכ, געלאָזנ אינ אָנגריפֿ. פֿאַרבײַ בונטשוקנ אונ קרוטאָגאָראָוונ, אַנע אונ געוואָרקיאַנצנ, וואָס האָבנ זיכ געדריקט צו אימ, זײַנענ דורכגעגאַנגענ דרײַ — קימאַט צוזאַמענ. אײנער האָט געריכערט, דער צווייטער האָט גייענ-

דיק זיכ געקלאפט מיטנ שלאָס פונ דער ביקס אָנ דער קני, דער דריטער האָט אופמערקזאמ באטראכט די אויסגעשמירטע פאָלעס פונ זײַנ פאלטע. אפ זײַנ פאָנעמ, אינ די עקנ פונ די וואָנצעס, האָט זיכ געפלאָנטערט א שולדיקער שמייכל — ווי ער וואָלט געגאנגענ נישט אפנ טויט, נאָר זיכ אומגעקערט אהיימ פונ א כאווריש סודעלע אונ, קוקנדיק אפ דער אויסגעשמירטער פאלטע, געטראכט וועגנ דער גרייס פונ דער שטראָפ, וואָס זײַנ רוגזעדיק ווײַבל וועט אימ געבנ.

— אָט זײַנענ זיי! — האָט קרוטאָגאָראָוו אויסגעשריגנ, אָנווײַזנדיק אפ דער ווײַטער פארצוימונג אונ אפ די גרויע מענטשלעכ, וואָס האָבנ געווימלט הינטער איר.

— שטעל אײַנ! — בונטשוק האָט מיט א בערישער באוועגונג א דריי געטאָנ דעמ קוילנווארפער.

דער מונטערער געפלאפל פונ קוילנווארפער האָט געניייט אנענ צו פארשטאָפנ די אויערנ. זי האָט זיכ אראָפגעזעצט, דערזענ, ווי הינטער דער פארצוימונג איז שטיל געוואָרנ די באוועגונג. אינ א מינוט ארומ האָבנ פונ דאָרט רעגלמעסיק אָנגעהויבנ קנאלנ זאלפנ, אונ דורכבויערנדיק אומגעזעענע לעבער אינ כמורנעמ הימל-זעגל, האָבנ זיכ די קוילנ געלאָזנ איבער די קעפ.

עס האָט דריבנע געפויקט די האסטיקע שיסערײַ, אונ טרוקנ האָבנ אויסגעברענט די טאשמעס, וואָס האָבנ זיכ געשלענגלט בא די קוילנווארפערס. איינציקע שאָסנ האָבנ געפלאצט הילכיק, ווי צײַטיקע פרוכטנ. עס האָט געדריקט דאָס

גרילצנדיקע, מיט א פּײַפערײַ אויסגעמישטע ווייענ פונ די הארמאטנ=קוילנ, וואָס זײַנענ געשיקט געוואָרנ דורכ די מאטראָסנ פונ די טראל=שיפנ אונ פארבײַגעפלויגנ איבער די קעפ. אנא האָט געזענ, ווי איינער פונ די רויטגווארדייער, א וונסיקער, אינ א פוטערנ היטל, מיט ענגליש=צוגעשוירענע וואָנצעס, האָט, אופנעמענדיק אונ באלייטנדיק יעדע דורכ=פליענדיקע קויל מיט א ניט=ווילנדיקנ נייג, געשריענ:

— דערלאנג זיי, סעמיאָנ, דערלאנג זיי, סעמיאָנ! געדיכטער דערלאנג זיי!

די קוילנ האָבנ טאקע אָנגעהויבנ פאלנ געדיכטער. די מאטראָסנ, וואָס האָבנ זיכ שוינ אײַנגעניבט אינעם שיסנ, האָבנ געפירט א קאָמבינירט פײַער. די באזונדערע קופּקעלעכ פונ די פאמעלעכ=אָפּטרעטנדיקע קאלעדינצעס זײַנענ באשאָטנ געוואָרנ מיט אָפּטע שראפּנעל=זאלפּנ. איינע פונ די קוילנ פונעם הארמאט, וואָס האָט טרעפלעכ געקלאפּט, האָט זיכ אופגעריסנ אינ דער אָפּטרעטנדיקער קייט פונעם סוינע. דער ברוינער זײַל פונ אופרײַס האָט פאנאנדערגעשלײַדערט די מענטשנ, איבערנ גרוב איז דער רויכ געזונקענ אונ צעגאנגענ געוואָרנ. אנא האָט אוועקגעוואָרפנ דעם בינאָקל, א קרעכצ געטאָנ אונ מיט אויסגעשמירטע הענט זיכ פארשטעלט די פונ שרעק אָפּגעבריטע אויגנ, — זי האָט נאָענט געזענ דורכ די גלעזלעכ דעמ אוראגאנ=געווירבל פונ אופרײַס אונ דעמ טויט פונ די פרעמדע. א ביטערער קראמפ האָט צונויפגעצויגנ איר האלדז.

— וואָס איז דיר? — האָט בונטשוק אויסגעשריען, זיך אָנבייגנדיק צו איר.

זי האָט צונויפגעדריקט די ציין, אירע אויסגעברייטערטע אפּלען האָבן זיך געגעפּלט.

— איך קאָן ניט...

— שטארק זיך! דו... אנא, הערסט? הערסט?.. מע טאָר אזוי ניט!.. מע טאָר ניט!.. — האָט ער באפעלעריש געשריען אין איר אויער אריין.

אפן רעכטן פלאנג, באם צופוסן פון א קליין בערגל, האָט אין טאָל זיך געזאמלט דעם סוינעס אינפאנטעריע. בונטשוק האָט דאָס באמערקט; ער איז אריבערגעלאָפן מיטן קוילנוואַרפער אף א מער באקוועם אָרט און גענומען באשיסן דאָס בערגל מיטן טאָל.

— טא=טא=טא=טא=טא=טא!.. טא=טא=טא=טא=טא=טאק! — האָט ניט גלייכמעסיק און אָפּגעריסן געארבעט רעבינדערס קוילנוואַרפער.

אף א צוואנציק טריט די ווייט האָט עמעצער, א הייזעריקער און בייזער, געשריען:

— א טראָג=בעטל!.. ניטאָ קיין טראָג=בעטל?.. א טראָג=בעטל!..

— אָנצי=י=ל... — האָט מאָנאָטאָן געזונגען דאָס קאָל פון א ווזוואָדנעם, א געוועזענעם פראָנט=סאָלדאט, — אכצן... ווזוואָד, שים!..

פארנאכט=צו האָבן איבער דער הארבער ערד זיך אראָפּ=

געלאָזט און געדרייט די ערשטע שנייעלעך. און א שאָ ארו
האָט א נאסער קלעפּיקער שניי מיט א שיטערער ווייסקייט
באַרפּאַראָשעט דאָס פעלד און די לײמיקלעך־שווארצע קופּ
קעלעך פון די דערהארגעטע, וואָס האָבן זיך אויסגעלייג
אומעטום, ווו נאָר די רייען פון די קעמפנדיקע האָבן זיך גע
טאָפּטשעט, אַנגרײפנדיק און אָפּטרעטנדיק.
פארנאכט־צו זיינען אָפּגעטראָטן די קאַלעדינצעס.

М. Шолохов

ПУЛЕМЕТНАЯ КОМАНДА

На еврейском языке

Редактор перевода *Б. Гольденберг*

Подписано к печати 21/VII-41.
А—40482. Тираж 7500 экз. 1¼ п. л.
Цена 20 коп. Зак. 457.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига".
Москва, Шлюзовая наб., 10